# אַן אָפֿענער בריוו צו דער אַרגענטינער יידישער יוגנט

מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק האָט אַ גרופּע יוגנטלעכע אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו דער יידישער יוגנט פון גאַר דער וועלט. מיר האָבן געבעטן אייער מיטהילף אינעם קאַמף פאַר יידיש און יידישער קולטור. מיר האָבן אַנאָנסירט, אַז מיר שאַפן אַ נייע באַוועגונג יוגנטרוף, און אַז מיר הייבן אָן דרוקן אַ יידישן יוגנט־זשורנאַל מיטן זעלבן נאָמען. במשך דער צייט זיינען אַרויס פיר נומערן, און עס זיינען געשאַפן געוואָרן יוגנטרוף־קאָמיטעטן אין טאָראָנטאָ, מאָנטרעאַל, ניו־יאָרק, סידניי און פילאַדעלפיע. פון אייך האָבן מיר קיין קרעכץ אפילו נישט געהערט.

ס'איז אונדז אויסגעקומען גאַנץ מאָדנע. אַזאַ קליינע יידישע קהילה ווי סידניי, וואָס האָט אפילו נישט קיין יידישע שולסיסטעם, פאַרמאָגט אַן אָפּטייל פון „יוגנטרוף", און בוענאָס איירעס, מיט אירע יידישע טאָגשולן, קולטור־אינסטיטוציעס, צייטונגען און לערער־סעמינאַרן — אַזאַ עיר ואם בישראל — שווייגט. מיר ווייסן אַז אין אַרגענטינע געפינען זיך אַ היפּשע צאָל באַוווסטזיניקע יידישע יוגנטלעכע, יונגעלייט וואָס זיינען באַהאַוונט אין דער וועלט־קולטור אָבער ווייסן ווי וויכטיק עס איז אויפצוהאַלטן דאָס אייגנס; מיר ווייסן אַז איר האָט אַן אָרגאַניזירטע און פּראָדוקטיווע קהילה. מיר ווייסן אַז בוענאָס איירעס איז איינע פון די יידישע הויפּטשטעט. און דאָך ענטפערט איר נישט אויף אונדזער רוף.

אפשר מיינט איר, אַז מיר זיינען צו ראַדיקאַל? אפשר האַלט איר, אַז יידישע דערציונג איז וויכטיק, אָבער מע קען זיך באַגיין אָן אַ יידישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פאַר יידיש? טייערע חברים, אַ יידישע דערציונג איז נאָר דער אָנהייב. ס'איז וויכטיק צו קענען אַ שפּראַך, אָבער וואָס פאַר אַ נוץ האָט זי, ווען מען דריקט זיך נישט אויס אין איר? די יידישע ליטעראַטור האָט אין זיך אַ סך ווערטן, אָבער די ווערטן מוזן דאָך פירן ערגעץ ווו. די יידישע קולטור איז נישט קיין אַבסטראַקציע. זי איז אַ יסוד פאַר שאַפונג און אויף וועלכן צו בויען. טאַקע דאָס ווילן מיר טאָן אין 'יוגנטרוף": מיר ווילן שאַפן און בויען. און פאַר אונדז איז די אַרבעט נאָך שווערער, ווייל עס פעלט אַ דור, דער דור וואָס איז אומגעקומען. דערפאַר האָבן מיר נישט קיין צייט זיך אַרומצושפּילן. דערפאַר אַפּעלירן מיר צו אייך. מיר מוזן האָבן אייער הילף.

דער קאַמף פאַר יידיש שליסט נישט אויס אַנדערע אַקטיוויטעטן. מיר האָבן ביי זיך מיטגלידער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע און ריליגיעזע ריכטונגען. אַ ליבשאַפט צו יידיש־לשון איז דאָס וואָס פאַראייניקט אונדז.

„יוגנטרוף" איז אַ קליינע באַוועגונג. זי האָט נישט קיין מאַסן, זי האָט נישט קיין מיליאָנען. אָבער פּאַטענץ האָט זי אָן אַ שיעור, פּאַטענץ איבערצונעמען און איבערצומאַכן די יידישע וועלט. וואָס אַזוינס זיינען די טעטיקייטן פון אַ לאָקאַלער „יוגנטרוף" (לאָקאַלער אויספיר קאָמיטעט אויף אונדזער לשון)? אַזאַ קאָמיטעט קען באַשטיין פון צען ביז טויזנט מיטגלידער (דאָטש מיר האָבן קיין טויזנט אין סך־הכל נישט). ער טרעפט זיך רעגולער, ער אָרגאַניזירט דיסקוסיעס און דעבאַטעס, ער הערט רעפעראַטן, ער אָרדנט איין זינגערייען, קולטור־אָוונטן, יוגנט־יזכורס (אין אַפּריל), ער טוט מיסיאָנערישע אַרבעט; ער זאַמלט געלט און פאַרשפּרייט דעם זשורנאַל. אַ לאָקאַלער אויס־פיר־קאָמיטעט איז באַרענעצט מיט דער פאַנטאַזיע און קרבנות גרייטקייט פון זיינע מיטגלידער.

„יוגנטרוף" איז די איינציקע יוגנט־באַוועגונג וואָס האָט איבער זיך נישט קיין עלטערע מאַכט, וואָס זאָל איר דיקטירן וואָס יאָ צו טאָן און וואָס נישט. אָבער מיט זעלבשטענדיקייט קומט אויך אחריות. מיר דאַרפן אַרבעטן האַנט ביי האַנט מיטן עלטערן דור. מיר מוזן אָנהאַלטן דאָס חשיבות נישט נאָר פון יידישן וואָרט, נאָר אויך פון דער יידישער יוגנט.

מיר שאַפן אונדזער אייגענע אידעאָלאָגיע, די אייגענע צילן און די אייגענע מיטלען. מיר האָבן נישט קיין פאַרטיקע ענטפערס. מיר מוזן אַלץ אַליין אויסאַרבעטן, אַליין זיך דורכברעכן, אַליין זיך אויסלערנען. מיר לערנען זיך אַליין ווי צוצוגרייטן אַ זשורנאַל, ווי צו האַלטן בוכהאַלטעריע, ווי צו זאַמלען געלט, ווי צו מאַכן אָוונטן, ווי צו פּראָפּאַגאַנדירן, און עס קומט אָן מיט גרינגע ווערעם. מיר ריכטן זיך נישט אויף קיין ניסים. מיר ווייסן ווי שווער עס איז צו שווימען קעגן שטראָם, אָבער מיר ווייסן אויך, אַז אויב מיר שווימען מיט, וועלן מיר אויך פאַרטראָגן און סוף־כל־סוף דערטרונקען ווערן.

„יוגנ־־וף" מאָנט אַרבעט און קרבנות־גרייטקייט. „יוגנטרוף" איז אייער באַוועגונג. זי וואַרט אויף אייך צו העלפן זי אַנטוויקלען און זי בויען. אין צייטן פון נויט אין יידישן פאָלק קומט די יוגנט תמיד אַנטקעגן מיט הילף. איצט איז אַזאַ צייט אין דער יידישער קולטורוועלט. די יוגנט רופט. זי רופט אייך, אַרגענטינער יידישע יוגנטלעכע.

די קאָרעספּאָנדענץ וועגן שאַפן אַ „יוגנטרוף"־קאָמיטעט דאַרף אַדרעסירט ווערן צו דוד־הירש ראָסקעס:

David G. Roskies '69
Brandeis University
Waltham, Mass, 02154
U. S. A.